בס"ד

**שבת מברכים**

שבת מברכים שבט | ר"ח יום חמישי | המולד יום רביעי 6:17 | 18 חלק'

דער בלעטל

# טיב הקהילה

**אויף אידיש**

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

**וארא**

**כ"ה טבת תשפ"ה**

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:31 |
| מוצש"ק | 5:47 |
| ר"ת | 6:24 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:27 | סוז"ת א' | 9:35 |
| סוזק"ש ב' | 9:11 | סוז"ת ב' | 10:04 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

גליון מס': קי"ט

שנה ג'

## טיב הפרשה

# א הדרכה פאר'ן כלל ישראל צו אנערקענען אז אלעס איז לטובה / וידבר אלקים אני ה'

די וואכנדיגע פרשה הייבט זיך אן מיט א טענה'דיי צווישן הקב"ה און משה רבינו. ווי רש"י און די אנדערע מפרשים געבן צו פארשטיין, האט השי"ת גערעדט שטרענג צו משה רבינו נאך דעם וואס ער האט זיך באקלאגט ביי אים אז פון ווען ער האט גערעדט צו כלל ישראל און צו פרעה - זענען די זאכן געווארן ערגער פאר'ן כלל ישראל - ווי דער פסוק דערציילט אז משה רבינו האט געזאגט פאר הקב"ה, לָמָה הֲרֵעֹתָה לָעָם הַזֶּה.

אין די סדרה ווערט אויסגעשמועסט די תשובה פון הקב"ה צו משה רבינו, אבער בדרך רמז קען זיין אז מען זעט דא ווי אזוי הקב"ה באפעלט פאר משה רבינו אז ער זאל לערנען מיט כלל ישראל די וועגן פון אמונה, אז אויך ווען זאכן זעען אויס שלעכט, איז עס אבער לטובה, ווי עס האט זיך ארויסגעשטעלט ביים ענדע אז די קושי השעבוד האט משלים געווען די יארן און פארשנעלערט די גאולה השלימה.

די בחינה איז מרומז אין די פסוק, די תוה"ק זאגט 'וידבר אלקים אל משה', דער רבוש"ע רעדט צו משה רבינו אין די בחינה פון 'אלקים' דהיינו מיט דער מידת הדין, און וואס זאגט ער אים? דער פסוק ענדיגט זיך מיט די ווערטער 'אני ה'' אז באמת איז אלעס ממידת הרחמים, ווייל אלעס איז רחמים פון הקב"ה, אפילו אז מען זעט עס נישט און מען פארשטייט נישט וואס עס ליגט אונטער איר.

דער פסוק איז ממשיך צו זאגן אז הקב"ה האט אנגעזאגט פאר משה רבינו אז דאס זאל נישט בלייבן בלויז צווישן זיי נאר ער זאל איבערזאגן די בחינה פאר'ן כלל ישראל ווי דער פסוק זאגט דארט ווייטער, לכן אמר לבני ישראל אני ה', אז משה רבינו זאל זיי מגלה זיין דער סוד אז נישט יעדער זאך וואס זעט אויס שלעכט איז באמת שלעכט, און אז אפילו אז זאכן זעען אויס שלעכט - איז עס באמת גוט.

די בחינה איז געווען א לימוד פאר די אידן, אין מצרים אבער עס איז בעצם א לימוד פאר יעדער איד. זייער אסאך מאל טרעפט זיך ביי א איד אז זאכן זעען אויס ביטער שלעכט. אין זיינע אויגן זעט עס אויס די ערגסטע זאכן אין די וועלט, אבער באמת איז דאס א טובה פאר אים און קומען וועט א צייט ווען ער וועט עס אנערקענען און באוואונדערן ווי טיף און ווי ווייט עס גייט.

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

# זיך דערווייטערן פון רשעים

שרייבט דער הייליגער רמב"ם אין הלכות דעות: "דֶּרֶךְ בְּרִיָּתוֹ שֶׁל אָדָם לִהְיוֹת נִמְשָׁךְ בְּדֵעוֹתָיו וּבְמַעֲשָׂיו אַחַר רֵעָיו וַחֲבֵרָיו, נוֹהֵג כְּמִנְהַג אַנְשֵׁי מְדִינָתוֹ, לְפִיכָךְ צָרִיךְ אָדָם לְהִתְחַבֵּר לַצַּדִּיקִים וְלֵישֵׁב אֵצֶל הַחֲכָמִים תָּמִיד, כְּדֵי שֶׁיִּלְמֹד מִמַּעֲשֵׂיהֶם, וְיִתְרַחֵק מִן הָרְשָׁעִים הַהוֹלְכִים בַּחֹשֶׁךְ, כְּדֵי שֶׁלֹּא יִלְמֹד מִמַּעֲשֵׂיהֶם, הוּא שֶׁשְּׁלֹמֹה אוֹמֵר הוֹלֵךְ אֶת חֲכָמִים יֶחְכָּם, וְרֹעֶה כְסִילִים יֵרוֹעַ, וְאוֹמֵר אַשְׁרֵי הָאִישׁ וְגוֹ'. וְכֵן אִם הָיָה בִּמְדִינָה שֶׁמִּנְהֲגוֹתֶיהָ רָעִים, וְאֵין אֲנָשֶׁיהָ הוֹלְכִים בְּדֶרֶךְ יְשָׁרָה, יֵלֵךְ לְמָקוֹם שֶׁאֲנָשֶׁיהָ צַדִּיקִים וְנוֹהֲגִים בְּדֶרֶךְ טוֹבִים, וְאִם הָיוּ כָּל הַמְּדִינוֹת שֶׁהוּא יוֹדְעָם וְשׁוֹמֵעַ שְׁמוּעָתָן נוֹהֲגִים בְּדֶרֶךְ לֹא טוֹבָה כְּמוֹ זְמַנֵּנוּ, אוֹ שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לָלֶכֶת לִמְדִינָה שֶׁמִּנְהֲגוֹתֶיהָ טוֹבִים, מִפְּנֵי הַגְּיָסוֹת, אוֹ מִפְּנֵי הַחוֹלִי, יֵשֵׁב לְבַדּוֹ יְחִידִי, כְּעִנְיַן שֶׁנֶּאֱמַר יֵשֵׁב בָּדָד וְיִדֹּם, וְאִם הָיוּ רָעִים וְחַטָּאִים שֶׁאֵין מַנִּיחִים אוֹתוֹ לֵישֵׁב בַּמְּדִינָה, אֶלָּא אִם כֵּן נִתְעָרֵב עִמָּהֶן וְנוֹהֵג בְּמִנְהָגָם הָרַע, יֵצֵא לַמְּעָרוֹת וְלַחוֹחִים וְלַמִּדְבָּרוֹת, וְאַל יַנְהִיג עַצְמוֹ בְּדֶרֶךְ חַטָּאִים, כְּעִנְיָן שֶׁנֶּאֱמַר מִי יִתְּנֵנִי בַמִּדְבָּר מְלוֹן אֹרְחִים".

אט די הייליגע ווערטע רפונעם רמב"ם זענען דאך געזאגט געווארן פאר צדיקים גמורים וועלכע זענען נאכנישט נאכגעשלעפט געווארן נאך זייער סביבה, און פונדעסטוועגן האט זיך דער הייליגער רמב"ם נישט פארלאזט אויף זייער צידקות, נאר ער האט זיי געהייסן אוועקגיין פון א שטאט וואו די מענטשן זענען שלעכט. און פארוואס טאקע? וויבאלד דער הייליגער תנא אין פרקי אבות האט אונז דאך שוין געהייסן "אַל תַּאֲמִין בְּעַצְמְךָ עַד יוֹם מוֹתְךָ", און כאטש יעצט ביסטו טאקע א צדיק גמור, און מִצַּד דיין אינערליכע שאיפה איז נישט שייך אז דו זאלסט פארוואנדלט ווערן אין א רשע, דארפסטו אבער וויסן אז דער זאך ווענד זיך נישט אין דיר אליין, נאר אין די וועלכע נעמען דיר ארום, דו קענסט נישט וויסן וועלכער נישט־גוטע כוואליע זיי זענען אימשטאנד צו ברענגען אויף דיר און דיר חלילה וחס מאכן דערטרינקען אין א ים פון רשעות און כפירה, רחמנא ליצלן, און דעריבער ליגט א פליכט אויפן מענטש אז ער זאל איבערהויפט נישט וואוינען אין אן ארט פון רשעים, נאר ער זאל זיך צואיילן און זיך אוועקציען פון זייער סביבה.

אין די פרשה פון די וואך, דערציילט אונז די תורה הקדושה, אז ווען משה רבינו ע"ה איז געשטאנען אין פארנט פון פרעה, איז ער געווען אכציג יאר אלט און זיין ברודער אהרן איז געווען דריי און אכציג יאר אלט, איז דאך לכאורה שווער, וואס וועט דאס אונז צוגעבן צו וויסן ווי אלט זענען משה און אהרן געווען אינדערצייט וואס זיי האבן גערעדט מיט פרעה? נאר מען קען זאגן, אז די תורה הקדושה וויל אונז דא לערנען אויף ווי ווייט מען דארף זיך דערווייטערן פון רשעים, ווייל טראצדעם וואס משה און אהרן זענען געווען זקנים און צדיקים, האבן זיי מורא געהאט צו קומען און זיך שטעלן פאר פרעה, טאמער ער וועט האבן א שלעכטע השפעה אויף זיי, און דעריבער האט משה געדארפט האבן א ספעציעלן באפעל פונעם אויבערשטן דערפאר, יעדן מאל באזונדער, אזוי ווי מיר זעען אין די יעצטיגע פרשיות.

(עפ"י טיב התורה – וארא)

**טיב ההודעות**

**מען קען הערן שמועס'ן און דרשות**
**פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער**
**אידיש: 073-2951321** לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

ווען מען איז מקבל א זאך באהבה, אויסער וואס מען באקומט שכר פאר איה, וועט עס אויך ממתיק זיין דער דין און דאס אליין וועט ממשיך זיין די טובה.

עס איז דא א באקאנטער ווארט פון דער הייליגער חוזה פון לובלין, דער חוזה האט געטייטשט דער פסוק [בראשית לב, יג] ואתה אמרת היטב איטיב עמך - אז אויב דו זאגסט אויף אלעס - היטב - אז עס איז גוט, וועט הקב"ה זיך פירן מיט דיר במידת הרחמים און ענדע וועט זיין 'איטיב עמך' אז הקב"ה וועט מאכן מיט דיר גוטס בכפל כפליים, און די חסדים וועלן זיין מגולים ממש.

מען דערציילט אז דער צדיק רבי שמעון יערסלאווער זצ"ל האט זוכה געווען צו אריכות ימים. מען האט אים אמאל געפרעגט ווי אזוי האט ער זוכה געווען צו אזא אריכות ימים, האט ער געזאגט אז נארמאל איז דער סדר העולם אז א איד האט שאלות אויף די הנהגה פון הקב"ה, ער וויל פארשטיין פארוואס גייט יענעם אזוי גוט מיט פרנסה, פארוואס גייט יענעם אזוי גוט מיט שידוכים.

דער איד האלט אין איין פרעגן שאלות כלפי מעלה, און אין הימל זאגט מען אים אז דו האסט אזויפיל שאלות קום ארויף אויבן און דא וועט מען ענטפערן אלע דיינע שאלות, דא וועט מיר דיר ווייזן אז יעדער זאך האט א חשבון, אז גארנישט איז נישט קיין טעות אז הצור תמים פעלו כי כל דרכיו משפט, אבער איך האב קיינמאל נישט געפרעגט קיין שאלות, און אז מען פרעגט נישט איז מען זוכה צו אריכות ימים ושנים.

עס איז א שווערע דרגה. אז מען זאל אנקומען צו איר פאדערט זיך אסאך הארוואניע, און ווי דער חזון איש זאגט אין זיין ספר אמונה ובטחון [פרק ב'] וז"ל: נקל להיות בוטח בשעה שאין עיקר התפקיד של הביטחון, אך מה קשה להיות בוטח בשעת תפקידו וכו'. ואמנם בזאת יבחן אם פיו ולבו שוין, האם בוטח הוא באמת או אך למד לשונו לצפצף בטחון בטחון, ובלבו לא קוננה.

אויפ'ן ארט ברענגט ער אראפ א לעבעדיגער משל פון א איד וואס רעדט כסדר פון בטחון, אבער ווען עס קומט לידי מעשה קען ער נישט עומד זיין אין איה, און ווי עס איז זיין הייליגער און מתיקות'דיגער לשון דארט: ומה שאנו רואים בחיים, ראובן איש מוסרי וזימרת הביטחון על דל שפתיו, תמיד מגנה את רוב ההשתדלות ומתעב את הרדיפה אחר פרנסה, ואמנם הוא איש מצליח, ובחנותו לא יחסר לו לקוחות ואיננו זקוק לרב השתדלות, אמנם אוהב הוא את הביטחון כי הלא גם הביטחון מראה לו פנים שוחקות. והנה נפתענו פתאום לראות את ראובן הבוטח מתלחש עם נעריו ואנשי עצתו איך להפר עצת רעהו, האומר לפתוח חנות כמותו, ומתחיל בהשתדלויות גלויות להניא מחשבת רעהו!

פון זיינע ווערטער זעט מען אז אנצוקומען צו די דרגה פון גלייבן און וויסן אז אלעס איז גוט איז נישט גרינג, בפרט ווען מען זעט נישט די גוטס.

אסאך מאל מאכט זיך אז דער איד איז נישט זוכה צו זען די גוטס אויך אויף די וועלט, אבער עס איז די אמת'ע גוטס, ווייל די מטרה פון די יסורים איז כפרה, עס איז דא אים אנצוגרייטן אויף יענע וועלט, אויף זיין אייביגער תכלית, אבער אייביג איז עס לטובה.

עס איז דא א מורא'דיגער ערבי נחל אין פרשת נח וואס רעדט ארום פון די בחינה, און מיר ציטירן דא זיינע הייליגע ווערטער איבער דעם ענין וז"ל: לפעמים נשפע רחמים ולפעמים מדת הדין, אין דבר רע יורד מן השמים, וכל מה דעביד רחמנא לטב עביד, אפילו אם נשפע עונש, כל שנשפע דרך שם איננו דרך עונש וגזר דין, אלא כענין החולה שהרופא מצוה ליתן לו משקה מר מאד, השוטה חושב כמה אכזר הוא זה ואינו מרחם על איש חולה, למה לא צוה ליתן לו לחם ובשר, אבל הפקח יודע שאדרבה רחמן הוא ומשקה זה מצוה ליתן לו לתיקונו, כי באמת אלו היה בריא היה אוכל בשר ויין, אך מחמת חליו אי אפשר לו להתרפאות אלא על ידי משקה זו, נמצא משקה זו ניתן לו לתיקון ורפואה, והמרירות נרגש ממילא עבור שיש במשקה זו טעם מר. כך ענין עונשים הכתובים בתורה אינם גזר דין ונקמה, אלא שלפי שעבר עבירה נכנס אל תוך הקליפות והרי הוא חולה וצריך רפואה ותיקון על ידי אותו עונש הקצוב אליו על פי חכמתו יתברך שמו שזהו תקונו, אך כאב אותו העונש נרגש ממילא, ולכן אי אפשר בשום עונש שיהא נמשך כליון העולם חס ושלום, מאחר שהעונש הוא צורך תיקון לבד, ובכליון אין תיקון אלא גזר דין ונקמה, והרי כל העונשים אינם רק לצורך תיקון, וממילא עונש העבירה אינו נקרא גזר דין ונקמה בעצם אלא תיקון ורפואה, ע"כ.

דער ערבי נחל איז מבאר אז קיין שום שלעכטס איז נישט בגדר עונש און אפילו אז עס מאכט זיך אז מען זעט נישט די טובה, און די שוועריגקייטן איז נישט מיט די מטרה אז ענדע וועט ארויסקומען פון דעם א טובה, האט עס אבער א העכערע מטרה און עס רייניגט דער מענטש פון זיינע זינד און עס גרייט אים אן לעולם שכולו טוב פאר זיין אייביגע גוטס.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל קענען זוכה זיין צו זען די בחינה און זיך מתחזק זיין בטובה און זוכה זיין צו זען חסדים מגולים ממש.

טיב

דהשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

**געשריבן דורך לייענערס**

# הכרת הטוב איט אַן אאת / ויגדל הילד ותביאהו

אין ברען פון די הכנות צו מיין זונ'ס בר מצוה האב איך זיך אוועקגעזעצט צו כאפן דעם אטעם אפאר מינוט. פארענט פון מיר איז געלעגן א בינטל פון וועכענטליכע גליונות און איך האב זיך פארליינט אין זיי.

לייענדיג האב איך זיך פארליינט אין א געשיכטע וואס עס שרייבט א איד וואס ער איז אריבער. דער איד שילדערט אז ער האט געהאט א קינד וואס איז געבוירן זייער קליין און איז אפגעזעסן א לענגערע צייט אין שפיטאל ביז דאס קינד איז אונטערגעוואקסן.

די שטאב האט זיך זייער אפגעגעבן מיט'ן קינד און אזוי ווי עס איז געווען א לענגערע זאך און דער איד האט געשפירט א שטארקער הכרת הטוב פאר די שטאב, האט דער איד געוואלט אויסדרוקן פאר זיי זיין הכרת הטוב.

זייענדיג נאנט צו דער גאון רבי אליהו שוויי זצ"ל, האט זיך דער איד שואל עצה געווען מיט רבי אליהו וואס קען זיין א געדאנק ווי אזוי מכיר טובה צו זיין פאר די שטאב.

רבי אליהו האט אים גע'עצה'ט ער זאל זיי נישט קויפן קיין מתנה, נאר יאר יערליך ווען ער עלטערט זיך זאל ער קומען אין שפיטאל און ווייזן זיין קינד פאר די שטאב זאגנדיג, קוק, ווי דאס קינד איז געוואקסן, ער איז געזונט און פריש, ער לעבט און בליעט, און זיך באדאנקען פאר זיי.

"עס איז נישט דא קיין גרעסערע הכרת הטוב ווי דעם", האט דער רב אויסגעפירט.

דער איד האט זיך אזוי געפירט, אין לויף פון זיבן יאר, פלעגט ער יאר יערליך קומען אין שפיטאל מיט'ן קינד און געוויזן פאר די שטאב אז דאס איז דער קינד.

די קידוש ה' איז געווען זייער גרויס.

לייענדיג דער בריוו און האלטנדיג פאר די בר מצוה בין איך געווארן גערירט ביז צו די טיפסטע טיפענישן. דאס קינד וועלכער איז יעצט אריין לעול התורה והמצוות, איז געבוירן געווארן מיט די וואג פון 800 גראם, און ברוך ה' היינט איז ער כאחד האדם.

איך האב געדאנקט הקב"ה, אבער איך האב באשלאסן אז כ'גיי נאכטון דער איד, נאך די בר מצוה זענען מיר אריבער אין שפיטאל און געכאפט א באזוך ביי די שטאב אין שפיטאל.

איך האב זיי דערציילט איבער אים, א חלק האבן אים נאך געדענקט, אנדערע האבן שוין עספיעט צו פארגעסן, אבער די התרגשות איז געווען אין לשער, איך האב אליין נישט אפגעשאצט ווי שטארק זיי שעצן עס.

אויך עלטערן וואס זענען געווען דארט מיט קליינע קינדער וועלכע זענען געבוירן מיט א קליינע וואג האבן געשעפט פון דעם הויפענעס חיזוק, זעענדיג אז אויך א קינד וואס איז געבוירן געווארן מיט אזא קליינע וואג איז אויסגעוואקסן גרויס און הויך.

עס איז געווען א קידוש ה', און איך האב געדאנקט הקב"ה אז ער האט געפירט אזוי אז איך האב געטראפן דעם גליון אין די ריכטיגע מינוט.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: ש.פ.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

## טיב המעשיות

# די גרויסקייט פון געבן צדקה אין די שובבי"ם טעג (ב)

**טעג "וְהוֹצֵאתִי אֶתְכֶם מִתַּחַת סִבְלֹת מִצְרַיִם, וְהִצַּלְתִּי אֶתְכֶם מֵעֲבֹדָתָם, וְגָאַלְתִּי אֶתְכֶם בִּזְרוֹעַ נְטוּיָה" ו,ו**

עס ווערט געברענגט אין דער **מדרש** (זע רות רבה אין די פתיחתא א, וואס ווערט געברענגט אין פרשת דרכים דרך צדקה דרוש יח) ווי פאלגנד: "אָמַר הקב"ה, אֲנִי גוֹאֲלָם בִּזְכוּת הַצְּדָקָה שֶׁהָיוּ עוֹשִׂים אֵלּוּ עִם אֵלּוּ, שֶׁאִלְמָלֵא הַצְּדָקָה לֹא נִתְקַיְּמוּ שָׁמַיִם וָאָרֶץ, הד"א (ישעיה סג, א) אֲנִי מְדַבֵּר בִּצְדָקָה רַב לְהוֹשִׁיעַ".

און אזוי זאגט **אבא אליהו זכור לטוב** (תנא דבי אליהו רבה פרק כג): "אַף דָּוִד הָיָה מְשַׁבֵּחַ אֶת יוֹצְאֵי מִצְרַיִם, כִּי אֲפִילוּ הַמִּצְוָה הָאַחַת שֶׁהָיְתָה בְּיָדָם נוֹחַ לִפְנֵי הקב"ה הַרְבֵּה יוֹתֵר מִן כַּמָּה מִצְוֹת שֶׁלָּנוּ. וּמַה הִיא הַמִּצְוָה הָאַחַת שֶׁהָיְתָה בְּיָדָם – שֶׁנִּתְקַבְּצוּ כּוּלָּם בַּאֲגֻדָּה אַחַת, וְכָרְתוּ בְּרִית שֶׁיַּעֲשׂוּ גְּמִילוּת חֲסָדִים זֶה עִם זֶה".

דעריבער פירן זיך אידן שוין פון לאנגע יארן, אין די הייליגע שובבי"ם טעג, אפצוערכטן מעמדים פון **'פדיון פ"ד תעניות'**, אזוי ווי מיר מאכן יעדן יאר אום דאנערשטיג פון די שובבי"ם פרשיות ברוב עם אין די ישיבת **שער השמים** דא אין ירושלים עיה"ק. [זע אויך ביים ענדע פונעם ספר **"טיב השובבי"ם"**, ווי מורינו ורבינו שליט"א איז מאריך גאר וואונדערליך אין דעם ענין, און דארט ווערט אראפגעברענגט דער סדר הפדיון מיט אלע תפילות און יחודים, וואס די מקובלים האבן מסדר געווען אין דעם].

**יְהֵא רַעֲוָא מִן קֳדָם אֲבוּהוֹן דִּי בִּשְׁמַיָּא, אין זכות פון די צדקה וואס ישראל קדושים פארמערן אין די טעג אז עס זאל צוגעאיילט ווערן אונזער כפרה און דאס אויסלייזונג פון אונזער זעל, און מיר זאלן אינגיכן זוכה זיין צו דעם אייביגן אויסלייזונג, בְּבִנְיַן בֵּית קָדְשֵׁנוּ וְתִפְאַרְתֵּנוּ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן.**

->•<-

**אין קורצן פון פאריגע וואך**

דער הייליגער בעל התניא זצוק"ל איז אנגעקומען אין שטאט, וואו ער איז אויפגענומען געווארן מיט גרויס פאראד, כדי זיך צו באטייליגן ביי די שמחת חתן וכלה וועלכע זענען ביידע געווען יתומים. באזוכנדיג אינעם הויז פון דער מרא דאתרא, האט ער אויסגעפינען איבער די שרעקליכע גזירה וואס האט זיך אראפגעלאזט אויפן טייערן חתן, וויבאלד דער הויפטמאן פונעם מיליטער וועלכער איז געווען א ווילדער שונא ישראל, האט זיך פארלייגט אויף אים פונקט אויפן טאג פון זיין שמחה, און האט ארויסגעשטעלט קעגן אים א באלדיגער 'מאביליזאציע באפעל', בלויז געציילטע שעות איידער עס האט געדארפט פארקומען זיין חופה!

ביים דרינגענדע אסיפה וואס דער רבי האט פאררופן, איז קלאר געווארן, אז דאס איינציגע רעטונג וועט זיין דורכן צאלן אויסלייז-געלט פארן הויפטמאן, מיטן סומע פון 5,000 ריינישן! – דעריבער האט דער רבי באפוילן אז מען זאל גלייך אויסשטעלן א ליסטע פון די עשירים פון שטאט, און ער וועט זיך שוין ארויסלאזן מיט די רבנים אויף א 'מגבית חירום' [בליץ-קאמפיין].

ווען דער צדיק איז דורכגעגאנגען די רשימה, האט ער געזען מיט זיינע הייליגע אויגן אז עס פעלט דארט דער נאמען פון איינער פון די גבירים פון שטאט. – די חשוב'ע גבאים דערציילן אים איבער די געוואלדיגע קמצנות פון יענעם עושר, וואס קיינער האט נישט מצליח געווען ארויסצונעמען פון אים קיין שום סומע געלט פאר 'צדקה'...

->•<-

**און יעצט ליינט ווייטער:**

די איבערגעגעבענע עסקנים, דערציילן ווייטער פארן רבי'ן איבערן שרעקליכן 'קמצנות' פון דער גביר:

"דער שטייגער פון אט דעם עושר איז, אז יעדן מאל וואס מען קלאפט אריין ביי אים אין שטוב – די וועלכע האבן נאכנישט אנגעיאגט צו הערן וועגן זיין קארגשאפט... – אז ער עפנט אביסל די טיר, וואו עס געפינט זיך נאנט נעבן דעם אן אלטע אייזערנע פושקע, און דארט אינעווייניג האלט דער עושר א קליינעם קופערנעם [נחושת] מטבע, וואס ענטהאלט שווערליך א שוה פרוטה... און אט דאס דערלאנגט ער פאר צדקה... – די ארימעלייט וועלכע בלייבן ערשטוינט פון אזא קליינע און פארשעמטע נתינה, ווארפן עס אים גלייך צוריק אין פנים אריין! און ער איילט זיך צו פארמאכן די טיר הערמעטיש, איידער ער וועט הערן די קללות וואס פאלגן נאך"...

"מיט די יארן האט שוין דער מטבע אנגעזאמלט אסאך ראָסט [זשאַווער/חלודה], און איז געווארן אזוי אויסגעריבן און פארענדערט, אז עס האט שוין כמעט נישט די צורה פון א מטבע... דער עושר איז אבער פאר'עקש'נט, און אין יעדן פאל נעמט ער צוריק ארויס אט דעם אלטן פארזשאווערטן מטבע"...

דער צדיק האט אבער געבעטן אז טראצדעם זאל מען ארייגלייגן דעם נאמען פונעם עושר אין די רשימה, און די גאנצע חשוב'ע פמליא האט זיך גלייך ארויסגעלאזט אין וועג, לויט די רשימה וואס זיי האבן געהאלטן אין האנט.

אריבערגייענדיג נעבן דעם הויז פון דער עושר, האט דער רבי געבעטן אז ער וויל דארט ארייגקלאפן צוזאמען מיט די אנדערע חשוב'ע רבנים, פונקט אזוי ווי מען וואלט געטון ביי די אנדערע עשירים פון שטאט. לכבודו פונעם רבי'ן זענען אלע רבנים מיטגעגאנגען, טראצדעם וואס אינעווייניג אין הארץ האבן זיי גוט געוואוסט די רעזולטאטן פון אזא באזוך...

נישט ווי זיין שטייגער, האט זיך דער רבי אוועקגעשטעלט אין שפיץ פונעם משלחת, און האט דער ערשטער אריינגעקלאפט אין טיר. דער בעל הבית איז צוגעגאנגען און האט אביסל געעפנט די טיר, און זעענדיג פאר זיך א חשוב'ע דעלעגאציע פון רבנים און הערנדיג זייער פארלאנג, האט ער זיך ווי זיין שטייגער געווענדן צו זיין אלטן פושקע, און פון דארט ארויסגעשלעפט דעם מטבע ישן נושן, און עס ארייגעלייגט אינעם רבי'נס האנט, אינדערצייט וואס ער גרייט זיך עס צוריקצוכאפן גלייך, און פארמאכן די טיר אין פארנט פון זייער געזיכט...

אבער צו זיין גרויס שטוינונג און וואונדער, פונקט ווי צו דער וואונדער פון אלע בני הפמליא, האט דער בעל התניא גענומען די מטבע מיט ביידע הענט, און מיט א ליכטיגן געזיכט האט ער זיך אנגערופן צום עושר: "**יישר כח! תזכו למצוות רבות**"! און האט שוין געוואלט גיין ווייטער אין וועג.

אזוי ווי זיי גייען אראפ די טרעפ פון הויז און ווילן גיין ווייטער זייער וועג, האט זיך דער טיר פלוצלונג געעפנט, און דער גביר האט זיי געבעטן אז זיי זאלן צוריק ארויפקומען. זעט אויס, אז זיין הארץ האט אים געקלאפט און ער איז געווען אומרואיג מיט זיך, פארן געבן אזוי ווייניג פאר אזא חשוב'ע צדקה-צוועק, און אן קיין איבעריג ווארט, האט ער ארייגעשטופט אינעם רבי'נס האנט א גרעסערע מטבע ווי דער ערשטער. – ווידעראמאל האט זיך דער רבי באדאנקט בסבר פנים יפות, און אן קיין פארבינדונג מיט דער סכום פון די נתינה האט ער אים געוואונטשן מיט א הארציגע ברכה דערפאר וואס ער האט זוכה געווען צו נעמען א חלק אין אזא גרויסע מצוה, און אז דער אויבערשטער זאל ווייטער העלפן און ער זאל זוכה זיין צו טון פילע מצוות... און דער צדיק האט זיך אויסגעדרייט און גענומען גיין אין וועג צוזאמען מיט די אנדערע חשוב'ע רבנים.

אבער אויך יעצט זענען נישט דורכגעגאנגען מער ווי עטליכע רגעים, און די רבנים האבן נישט עספיעט זיך צו דערווייטערן פונעם הויז, און אט זעען זיי ווי דער עושר לויפט נאך זיי. דאסמאל האט ער שוין אריינגערוקט ביים רבי'ן אין האנט א 'באַנקנאָט' [שטר] וואס האט געטראגן אויף זיך א שיינע סומע, און ווייטער האט אים דער רבי שיין באגעדאנקט מיט די זעלבע פרייד און סבר פנים יפות, אזוי ווי דאס וואלט היינט געווען זיין ערשטע נתינה... אויך האט ער נישט געוויזן קיין שום צייכן פון וואונדער דערפאר וואס ער לויפט זיי נאך איינמאל און נאכאמאל, אויך נישט קיין ספעציעלן התפעלות, נאר מיט די גאנצע נאטורליכקייט און פשטות האט ער אים הארציג געוואונטשן און באדאנקט פון טיפן הארצן, און האט זיך גענומען גיין ווייטער.

אזוי האט זיך דער זאך איבערגע'חזר'ט עטליכע מאל, ווען יעדן מאל גייט דער גביר ארויס צו זיי מיט אסאך א גרעסערן סומע, און דער רבי נעמט עס פון אים בשמחה און מיט א געוואלדיגן פשטות, דאנקנדיג אים פון טיפן הארץ און וואונטשנדיג אים אלע ערליי ברכות, און גייט ווייטער אין וועג.

->•<-

נאך עטליכע מאל וואס

| המשך אין עמוד ד' |>




דער רבי האט אים באדאנקט און אנגעווינטשן, האט דער מענטש אויסגעבראכן אין א שרעקליכן געוויין אין פארנט פונעם גאנצן חשוב'ן פמליא. ער האט זיך נישט געקענט באהערשן, און זיין געוויין איז געווארן אלס שטארקער און שטארקער, זיינע פלייצעס האבן געטרייסלט שטורעמיש, און פון זיינע אויגן האבן גערינען טרערן ווי א טייך.

ווען דער עושר האט זיך אביסל בארואיגט, האט דער געבעטן פונעם רבי'ן און פון די רבנים, אז זיי זאלן אים ענטשולדיגן פאר אזוי אויספלאצן אין געוויין, און ער האט צוגעגעבן מיט גרויס באגייסטערונג: **"קיינער האט מיר קיינמאל נישט געוואונטשן 'יישר כח'! פון אייביג אן, האט מיר קיין מענטש נישט געזאגט 'א דאנק'! –** איך וועל אויך מוזן מודה זיין על האמת אז איך האב זיך אויך געפירט מיט קארגשאפט... אבער פונדעסטוועגן איז דאס די ערשטע מאל אין מיין לעבן וואס איך באקום ברכות און דאנק-ווערטער! און יעצט וויל איך משלים זיין דעם גאנצן סכום וואס מען דארף האבן פאר צדקה! האט נישט קיין מורא, זאגט מיר קלאר וויפיל איר דארפט, און איך וועל געבן לויט ווי איר וועט מיר הייסן"!

דער רבי האט איבערגעגעבן דעם פונקטליכן סומע וואס מען האט געדארפט האבן צו ראטעווען דעם חתן פון די נעגל פונעם סאוויעטישן מיליטער: **5,000 רייניש! –** און גלייך אויפן ארט האט דער עושר ארויסגעשלעפט זיין בערזל [טייסטער/ארנק] און איבערגעגעבן דעם גאנצן סומע ביז צו די לעצטע פרוטה!!! צום גרויסן פרייד פון אלע בני הפמליא, וַתֵּהֹם כָּל הָעִיר!

שפעטער האט דער הייליגער בעל התניא געגעבן צו פארשטיין דעם וואונדערליכן מהפיכה וואס איז פארגעקומען ביי דער עושר: פון זיין נאטור איז ער טאקע געווען א 'קמצן', און מיט די צייט, וואס מער מען האט אים צוריקגעווארפן די זעלבע פרוטה, און די מצוה פון דאס ביסל צדקה וואס ער האט נאך יא געגעבן האט זיך אויך אפגעשטעלט... איז אין די מטבע נתלבש געווארן א געפערליכע און הארטע 'קליפה' פון קמצנות, און יעדן מאל וואס מען האט אים צוריקגעווארפן די מטבע האט זיך די קליפה געשטארקט מער און מער, און אט די קללות וואס די ארימעלייט האבן אים געשאלטן, אט דאס האט געשפייזט די קליפה, ביז דער עושר האט עס שוין נישט געקענט ביישטיין, נאר עס האט שולט געווען אויף אים מיט שטארקייט! און דעריבער איז ער נישט געווען אימשטאנד צו תורם זיין עפעס פאר צדקה!

אבער יעצט, ווען מיר האבן איבערגענומען פון אים די זעלבע פרוטה מיט א ליכטיגן געזיכט, און מיר האבן אים נאך געבענטשט און געוואונטשן דערויף אז ער זאל זוכה זיין צו נאך מצוות, איז דורכדעם אביסל נתבטל געווארן דער כח פון די קליפה, און דורכדעם האט זיך אביסל געעפנט זיין פארמאכטע הארץ, צו קענען געבן נאך א נתינה. וואס מער מיר האבן פון אונזער זייט מער געבענטשט און געדאנקט, אלץ מער איז דער כח פון די קליפה אפגעשוואכט געווארן, ביז דער מענטש אליין האט מיטן כח פון זיין גרויס געוויין און חרטה אינגאנצן מבטל געווען דעם שווערן קליפה, און זיין הארץ האט זיך ברייט צועפנט, און פון היינט און ווייטער וועט ער בעזרת השי"ת פארוואנדלט ווערן אין א גרויסער 'בעל צדקה', כדי צו ערגענצן די אלע יארן וואס ער האט זיך געפירט מיט קמצנות...

->•<-

די געטרייע עסקנים זענען גלייך צוגעלאפן צום וואוינונג פונעם מיליטערישן הויפטמאן, וועלכער זענענדיג די גלאנציגע געלט אין פארנט פון זיינע אויגן, ביז צו די לעצטע פרוטה, האט אויסגעפירט זיין הבטחה און האט גלייך צושטערט דעם מיליטערישן באפעל!

די חופה איז פארגעקומען ברחמי השי"ת וחסדיו אינדערצייט, ווען דער הייליגער רבי נעמט אנטייל אין די גאנצע חתונה פון אנהייב ביזן סוף! און די שמחה פון די שטאטסלייט איז געווארן גאר גרויס זענענדיג די געוואלדיגע רעטונג פונעם חתן פון די שרעקליכע גזירה.

->•<-

אויפצומארגנס נאכן דאווענען, ווען דער פרישער חתן האט זיך צוריקגעקערט פון בית המדרש און אויפן וועג איז ער אריבערגעגאנגען אויפן בריק, האט ער דארט באמערקט א דיקער און שווערע 'טאַשקע'. עפנדיג די טאשקע, איז ער ערשטוינט געווארן צו געפינען דארט צווישן אנדערע, דער ריזיגער סומע פון **פינף טויזנט רייניש (5,000)**! נאכן איבערקוקן אלעס וואס איז דארט געלעגן, האט מען אויסגעפינען אז דאס איז געווען דער טאשקע וואס האט באלאנגט צו אט דעם שלעכטן און בייזוויליגן הויפטמאן, וועלכער איז אינעם זעלבן פרימארגן אריבערגעגאנגען אויפן בריק, ווען פלוצלונג האט אים גאר א שטארקער שטורעם-ווינט אנגעכאפט און אריינגעווארפן אינעם רוישיגן טייך, וואו ער איז טיף אריינגעשלעפט געווארן און געשטארבן אויפן ארט! **וְלַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה וְרְוָחָה!**

דער הייליגער בעל התניא האט אוועקגעזעצט א 'בית דין' מיוחד, וועלכער האבן גע'פסק'נט פֶּה אֶחָד: "הֲרֵי אֵלּוּ שֶׁלּוֹ"! דאס גאנצע געלט וואס איז געפינען געווארן אינעם טאשקע, באלאנגט צום חתן וועלכער האט עס געפינען! ער האט אויפגעשטעלט זיין בַּיִת נֶאֱמָן, צוזאמען מיט די איידעלע און באשיידענע כלה, אויף די פעסטע יסודות פון תורה און יראת שמים. און פון אט די געלט האט ער אויפגעשטעלט עטליכע ריזיגע פאבריקן, און גאנץ שנעל האט ער דערגרייכט גרויס הצלחה און סייעתא דשמיא, און איז געווארן איינער פון די גרעסטע עשירים, און האט שטענדיג פארטיילט אסאך געלט פאר צדקה!

מוקד הזמנות ספרים
של הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
קו ההזמנות של מכון טיב 0733-22-76-09
טלפון אחד והספר אצלך
ללא עלות דמי משלוח
מכון טיב

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173